# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' שמות
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ב

## פראגע

**וועלכע עצות קענט איר געבן זיך צו האלטן געזונט, אויסער עסן געזונט און פיזישע איבונגען?**

## ענטפער:

**איך** באטראכט מיר נישט פאר קיין מומחה אין דעם, אבער איך וועל אייך בלויז געבן איין קליינע עצה:

עס שטייט אין משלי, "**אורך ימים בימינה**, בשמאלה עושר וכבוד" – אין די רעכטע האנט פון די תורה איז א לאנג לעבן. עס מיינט אז ווען א מענטש לעבט מיט די השקפות פון די תורה, וועט ער האבן א געלעגנהייט צו לעבן לענגער.

מען קען דאס פארשטיין אויף צוויי וועגן, איך וועל עס מסביר זיין אין קורצן. 1) ווען דער אויבערשטער זעט אז א מענטש נוצט גוט אויס זיין לעבן, זאגט ער, "איך זע אז דער מענטש ווייסט וואס צו טון מיט זיינע טעג, איך וועל אים געבן מער, ער וועט לעבן לענגער."

2) אבער אויך ליגט ארייגעלייגט אין די תורה **די פיזישע הצלחה אין לעבן**. ווייל די תורה איז פול מיט השקפות וואס אויב מ'לעבט אזוי מאכט עס אז די מעטאבאליזם, די פארדייאונג און רייניגונג סיסטעם און אלע פונקציעס פונעם קערפער זאלן ארבעטן אויפ'ן בעסטן אופן.

צום ביישפיל, אין איוב (ה, ב) שטייט "לאויל יהרג כעש, ופותה תמית קנאה", כעס הרג'עט דעם נאר, און קנאה הרג'עט דעם בעל תאוה. איר ווייסט אז כעס הרג'עט מענטשן, מדות רעות הרג'עט אסאך מענטשן. דער אמת איז אז רוב מענטשן ווערן קראנק צוליב אומריכטיגע געפילן. אודאי איז וויכטיג צו עסן געזונט, איבונגען, די אלע זאכן זענען קריטיש וויכטיג, אבער ווען מענטשן עסן זיך מיט דאגות, מיט כעס, מיט פארדרוס, אסאך מאל עסט עס אריין א לאך אין די זייטן פון זייער מאגן, זיי באקומען אולסערס. זיי ברעכן איבער זייערע נערוון. אסאך מאל גייען אפילו די נירן שלאפן חלילה אלס רעזולטאט פון אינערליכע עסענישן.

דערפאר דארף מען נעמען די עצות פון די תורה, "דרכיה דרכי נועם" – די וועגן פון די תורה זענען זיס, "וכל נתיבותיה שלום" – און אלע אירע וועגן זענען פרידן. דאס מיינט נישט נאר לערנען תורה. ווען מען לערנט תורה אן פארשטיין וואס פונקטליך מ'דארף זיך לערנען דערפון קומט מען נישט אן דארט. מענטשן לערנען געוויסע הלכות, טעכנישע זאכן, וואס וועט זיי ברענגען מער כבוד, זיי וועלן קענען ווייזן ווי גרויסע למדנים זיי זענען, אבער זיי לאזן אויס אלע גוטע עצות פון די גמרא. **די גמרא איז פול מיט גוטע עצות**. פול מיט עצות טובות, דרך ארץ, מדות טובות, הצלחה'דיגע לעבן, וויאזוי זיך דורכצוקומען מיט מענטשן... מען דארף דאס אלעס לערנען.

ווען מען לערנט די תורה בשלימות – אן אויסלאזן די אגדתא – איז עס ווי עסן פולע-ווייץ ברויט (Whole wheat) מיט אלע וויטאמינען דעריגען, אבער ווען מען לערנט נאר געוויסע זאכן און מ'לאזט אויס אנדערע איז עס ווי ארויסנעמען די וויטאמינען און עסן בלויז די ווייס-ברויט. ווייסע ברויט האט א גוטע טעם אבער עס האט שוין נישט די אלע וויטאמינען.

וועגן דעם האט רב אשי אלעס ארייגעלייגט אין די גמרא, ער האט געוואלט מיר זאלן **אלעס** לערנען, נישט אויסלאזן די מוסר און יראת שמים.

מיר דארפן וויסן אז עס איז ארייגעבויט אין דער נאטור געוויסע 'נקמה אפאראטן', די טבע פונעם מענטש נעמט נקמה פאר מדות רעות. ווען מענטשן זענען פול מיט שנאת חנם, ווערן זיי **אויפגעגעסן** פון די קנאה. די גמרא זאגט אז "ירקון" – די מחלה וואס די קערפער ווערט פארדארבן, איז אן עונש פאר שנאת חינם, ס'איז א מערקווירדיגע זאך. ווען מענטשן טראגן שנאה אין זייער הארץ קעגן אנדערע מענטשן, געשעט עפעס צו אים אליינס און ער ווערט קראנק.

דערפאר, כאטש איך בין זייער ווייט פון צו זיין א מומחה אויף געזונט, אבער דאס קען איך זאגן מיט זיכערקייט אז די וועגן פון די תורה, אויב מען פאלגט עס נאך, וועט ברענגען שמחה פאר מענטשן אפילו פיזיש.

פראגע

## קענען מיר זאגן אז דער ערגסטער איד איז בעסער ווי דער בעסטער גוי?

## ענטפער:

**ווענד** זיך וואס איר מיינט מיט – דער ערגסטער איד און וואס מיינט דער בעסטער גוי. און עס ווענד זיך אויס וואס איר מיינט מיט "בעסער". לאמיך עס מסביר זיין.

דער ערגסטער איד קען תשובה טון און זיך טוישן אזוי עקסטרעם אז ער קען ווערן דער גרעסטער צדיק. ווילאנג ער לעבט נאך קען ער נאך ווערן זייער אן ערליכער איד. "כי לכלב חי הוא טוב מהארי המת" (קהלת ט, ד) – א לעבעדיגער הונט איז בעסער ווי א טויטע לייב. און חז"ל זאגן אונז אז דאס מיינט אז א מענטש ווילאנג ער לעבט קען ער נאך ווערן די בעסטע.

יעצט, א גוי קען קיינמאל נישט ווערן די בעסטע. אפילו אויב ער ווערט א גר וועט ער קיינמאל נישט זיין די זעלבע ווי זרע אברהם. דאס זאגן אלע ראשונים. כאטש גרים זענען זייער בעפארצוגט און באליבט; "ואהבתם את הגר" – עס איז דא א ספעציעלע מצוה ליב צו האבן א גר, אבער ער קען נישט ווערן גלייך צו א איד מיט די זעלבע מאס שלימות.

אבער אודאי א איד ווי טראצקי, חס ושלום, און ער שטארבט אלס אן אפיקורוס איז ערגער ווי אסאך גוים. קיין שום פראגע דערוועגן. אבער בעצם, יסודות'דיג, האט יעדער איד אין זיך א גאלדן-גרוב פון פאטענציעלן. (#900)

פראגע

## וואספארא צוועק דינען חלומות היינט צו טאגס?

## ענטפער:

**חלומות** זענען זייער נוצבאר. חלומות קען דיר ווייזן וואו דו האלטסט אויף דער וועלט. לאמיר זאגן אז היינט נאכט וועסטו חלומ'ען אז דו זיצט אין א וואנע פול מיט גאלדענע מטבעות, און דו שווימסט דורך די מטבעות. אאאהה! און דאן וועקסטו זיך אויף און דו ביזט שרעקליך אנטוישט...

דארפסטו זיך פרעגן, פארוואס האב איך מיר נישט גע'חלומ'ט פון זיצן אין א וואנע פול מיט גמרות?!... וואלט איך גע'חלומ'ט אז איך מאך א סיום אויף א פרק? אדער אפילו צען בלאט? פארוואס האב איך נישט **גוטע** חלומות? האב איך גע'חלומ'ט פון מצוות? פארוואס חלום איך נישט פון אנטון תפילין?

דער ענטפער איז ווייל כאטש דו טוסט אן תפילין יעדן טאג, קען זיין אז עס איז בלויז אויבערפלעכליך, אן קיין שום מחשבה, אן קיין הרגשים, און עס גייט נישט אריין אין דיין אונטער'ן באוואוסטזיין. און דו חלומ'סט נאר וועגן זאכן וואס דו ווילסט **עכט**, נישט די זאכן וואס דו רעדסט בלויז מיט דיין מויל.

במילא, חלומות קענען דערציילן פאר'ן מענטש וואס טוט זיך באמת אין זיין מח.

אסאך מאל איז א חלום שרעקעדיג, און ס'איז זייער א געזונטע זאך פאר א מענטש צו ווערן דערשראקן. דער אויבערשטער דערשרעקט דעם מענטש! און עס מיינט "שאקל דיך אונטער יונגער מענטש, אדער אלטער מענטש, און הייב אן צו ארבעטן ווייל עפעס קען חס ושלום געשען!" הייב אן אויפצוטון עפעס אויף דער וועלט, ווייל אויב דו בטל'סט דיין לעבן קען חלילה דער אויבערשטער זאגן – פארוואס דארפסטו דאס לעבן? און דערפאר האט א שרעקעדיגע חלום אויך א ציל.

אין זייער זעלטענע מצבים קומט א חלום צו אן אויסדערוועלטן מענטש אים צו געבן א רמז אויף עפעס וואס ער זאל טון. אסאך מאל מוטשעט מען זיך אויף א שטיקל גמרא און מען גייט אריין אין בעט אן קיין פשט, עס פאסירט אמאל, זעלטן, אז די לעזונג פאלט אריין אין מח אינמיטן חלום. ווען מען וועקט זיך אויף האט מען דעם פשט. צומאל איז עס א לעזונג וויאזוי צו באהאנדלען א פראבלעם.

עס קען זיין אז די אומבאוואוסטזיניגע חלק פון מח ארבעט ווייטער אויף די גמרא אפילו ווען די באוואוסטזיניגע חלק שוין נישט. די באוואוסטזיין שטערט פאר'ן אומבאוואוסטזיין צו ארבעטן ריכטיג. די באוואוסטזיניגער מח נוצט אומנאטורליכע מהלכים, און די אונטער'ן-באוואוסטזיין נוצט די נאטורליכע שכל, דירעקטע מהלכים. און וועגן דעם קומט אסאך מאל דער ענטפער פונעם 'סוב-קאנטשעס'.

אדער צומאל קען זיין אז דער אויבערשטער שיקט דיר א מעסעדזש, אבער פארלאזט אייך נישט צופיל אויף דעם, ווייל נישט יעדער איז ווערד פאר אזא גרויסע אנטפלעקונג.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק
http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב